בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

בלק
י"ב תמוז תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:13 |
| מוצש"ק | 8:31 |
| ר"ת | 9:06 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:14 | סוז"ת א' | 9:43 |
| סוזק"ש ב' | 9:07 | סוז"ת ב' | 10:19 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': לז

## טיב המערכת

### כִּי לֹא יָדַעְתִּי

א מענטש איז אמאל אפגעשטעלט געווארן דורך די פאליציי, ווען ער איז אריבערגעגאנגען די גאס אויף א וועג וואס איז פארבאטן לויט די געזעץ.
ביי זיין משפט איז ער געברענגט געווארן פארן ריכטער, און ער האט זיך פארענטפערט פאר אים, אז וויבאלד ער האט קיינמאל נישט געלערנט די געזעצן פון אריבערגיין א גאס, האט ער נישט געוואוסט אז דאס וואס ער האט געטון איז נישט ערלויבט, און פון יעצט זאגט ער צו אז ער וועט לערנען אלע געזעצן און זיך פירן אלעמאל לויט די געזעץ.

דער שופט, האט אבער נישט געזען קיין סיבה אים צו לאזן גיין פריי אן קיין שטראף. פונקט פארקערט, האט ער גע'טענה'ט, פאר דעם וואס דו האסט נישט געלערנט און נישט געוואוסט דעם געזעץ, קומט זיך דיר נאך א שטראף.

בלעם הרשע איז געגאנגען אין וועג צו שעלטן די אידישע קינדער. דריי מאל האט זיך די אייזל אויסגעדרייט פונעם ריכטיגן וועג, און בלעם האט איר געשלאגן מיט זיין שטעקן, און צום סוף, ווען דער מלאך האט זיך אנטפלעקט צו אים, האט ער זיך פארענטפערט און געזאגט, "חָטָאתִי, כִּי לֹא יָדַעְתִּי כִּי אַתָּה נִצָּב לִקְרָאתִי בַּדָּרֶךְ", איך האב געזינדיגט, ווייל איך האב נישט געוואוסט אז דו שטייסט אנטקעגן מיר אין וועג.

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואספארא טענה האט מען אויף בלעם, אויב ער האט נישט געוואוסט? נאר דער ענטפער איז, אז דער עצם נישט וויסן איז שוין אַן עבירה. דריי מאל דרייט זיך די אייזל אוועק פונעם ריכטיגן וועג, האט בלעם געדארפט טראכטן אז עס איז דא א סיבה דערפאר, און עס פאסירט נישט סתם.

דו זעסט אז עס גייט דיר נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, אז עס גייט נישט אזוי ווי דו ווילסט, דיין חמור, דיין גשמיות גייט נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, פראביר עס נישט צוריקצושטעלן אויפן ארט מיט כח, דורך א שטעקן, נאר שטעל זיך אפ א מינוט און טראכט, פארוואס געשעט דאס צו מיר, וואס וויל מיר דער אויבערשטער מרמז זיין מיט דעם, וואס וויל ער אז איך זאל יעצט טון.

און אויב דו שטעלסט דיך נישט אפ צו טראכטן, איז דא א תביעה פון אויבן – זיי נישט בלעם, טראכט נישט אז זאכן געשען פון זיך אליין. "לֹא יָדַעְתִּי" ווערט נישט אנגענומען פאר א תירוץ, נישט ביי בלעם, און אוודאי נישט ביי א איד.

טראכט צו דיר – איז דער אויבערשטער צופרידן פון דאס וואס איך טו? איז דאס וואס איך טו א גוטער זאך, און אויב נישט, זאלסטו פאררעכטן דאס וואס מען דארף פאררעכטן.

אבער אויב האסטו נאכגעקוקט דיינע מעשים, און דו ביסט זיכער אז דו פירסט זיך אזוי ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס דארפסטו ווייטערגיין אויפן זעלבן וועג, כדי דו זאלסט נישט ארייינפאלן אינעם נעץ וואס דער מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל באהאלט פאר דיר, און ער פראבירט דיר אויפהאלטן אויף יעדן וועג וואס איז מעגליך, ממש אזוי ווי... בלעם.

(עפ"י טיב התורה-בלק)

## טיב הפרשה

# די נגיעות לאזן נישט דעם מענטש אנקומען צו די ריינע אמת

אין די וואכנעדיגע פרשה, דערציילט אונז די תוה"ק וויאזוי דער קעניג פון מואב האט אנגענומען די ערשיינונג פון כלל ישראל אין די אומגעגנט, און וויאזוי ער האט רעאגירט צו די פחד אז כלל ישראל וועט איינעמען זיין לאנד, נאכדעם וואס די אידן האבן באזיגט די שטארקע לאנד פון סיחון מיט אירע גיבורים.

ווי מיר האבן שוין מערערע מאל געזאגט, איז די תוה"ק נישט בלויז א מעשה דערציילער, נאר יעדע מעשה וואס ער דערציילט אונז איז דא אין דעם א לימוד און די לימוד איז לדורות, עס קומט אונז אויסלערנען וויאזוי מען זאל זיך פירן, און אויך דא זעט מען א שטארקער לימוד פאר א איד.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די וועג וויאזוי דער בלק האט רעאגירט צו די שמועות אז די אידן נעמען איין די ארומיגע לענדער, מאכט עס אויבנאויף דער איינדרוק אז זיין רעקאציע איז געווען א נארמאלער.

וואס דען זאל ער טון אין אזא פאל? ער איז א פארלוירענער, דאס לאנד האלט ביים פאלן, ער ווייסט אז מיליטעריש איז ער ווי א פליג, האט ער איין עצה צו רופן דעם בלעם הרשע. אבער ווען מען טראכט אביסל טיפער, זעט מען אז דער אמת איז אז ער האט געהאט פאר זיך נאך אן אויסוועג.

אנשטאט אז ער זאל אריינלייגן קאפ און מח אין שעלטן די אידן, וואלט ער געקענט מאכן אן אנדערע סארט חשבון. ער וואלט געקענט איבערצייגן די שטאטסלייט אז עס שטייט דא פאר ענק א פאלק וואס האט זוכה געווען צו ווערן באליבט ביי הקב"ה, דער עם הנבחר, אפשר לאמיר זיך באהעפטן צו זיי און זען וויאזוי מען קען מאכן מיט זיי א בונד, אפשר זאל מען זיך אנבינדן אין זיי, אבער דער בלק האט אפילו נישט געטראכט אויף אזא ריכטונג, ביי אים איז געווען קלאר אז די איינציגסטער זאך וואס מען קען טון איז גיין קעגן און שעלטן די אידן מיט אלע קללות, ווייל נאר די וועג וועט אים ראטעווען.

פארוואס טאקע האט זיך בלק אזוי געפירט? פארוואס האט ער נישט געטראכט לאגיש און גראד און געטון צו די זאך? דער תירוץ דערויף איז, אז אזוי איז דער מענטש און אזוי איז זיין געבוי, און אט די נקודה וויל אונז די תוה"ק אויסלערנען און אריינליגן אין יעדן איינעם פון אונז, אז דער מענטש האט אין זיין געבוי א נטייה צו ווערן נאכגעשלעפט נאך זיינע נגיעות און ווערן פארבלענדעט פאר איר, אז ער זעט נישט די אמת.

מערערע מאל דורכאויס די לעבן פון א מענטש באקומט ער א דערמאנונג פון הימל אז ער גייט נישט אויפן ריכטיגן

>>> המשך אין עמוד ב'

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב
ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

וועג. ער זעט איין אז ער איז פאלש, ער פארשטייט אז ער דארף זיך נעמען אין די הענט און טון וואס ער האט צו טון, אבער ער בלייבט ביים אלטן, ווייל ער קען זיך נישט מתגבר זיין אויף זיינע פריוואטע נגיעות וואס ער האט, קעגן די גשמיות'דיגע תאוות און תענוגים צו וואס ער איז א נוגע, קעגן זיינע געוואוינהייטן, ער בלייבט צוגעבינדן צו איר און רירט זיך נישט אוועק פון איר.

די נקודה איז שטארק מערקבאר ווען עס געשעט א געשעעניש וואס בארירט יעדן איינעם, ווי א טראגעדיע רח"ל אדער פארקערט א גוטער זאך, ווי מען איז זוכה צו זען דער יד השם אפענערהייט.

די געשעעניש רירט אן יעדן איינעם, יעדער איינער זעט עס, אבער די חילוק איז וואס יעדער טוט מיט די געשעעניש.

אינדערצייט ווען די ערליכע אידן ווען זיך מתבונן זיין אין די געשעעניש און אויפזוכן די נקודה וואס רעדט צו זייער הארץ און זיך פארבעסערן אין דעם הינזיכט, וועט דער המון עם אריינלייגן קאפ און מח אין אנאליזירן דער עצם געשעעניש און פארגעסן אז מען וויל עפעס פון דער מענטש, אז מען פאדערט עפעס פון אים און צומאל וועט נאך געשען די פארקערטע, אז אנשטאט אז מען זאל ארויסנעמען פון דעם א לימוד ווערט מען נאר מער פארבלענדעט און פאַרנאַרט און מען הייבט אן גלייבן אין דער 'טבע' פון די געשעעניש און דער מח ווערט נאר מער פארשטאפט און פארמישט פון דער עצם געשעעניש.

דער אפהאלט אז א מענטש זאל נישט אנקומען צו דעם אמת, איז די נגיעה וואס ער האט צו זיך אליין און צו זיין טאג-טעגליכער באקוועמליכקייטן און געוואוינהייטן. דער מענטש ווערט אזוי שטארק צוגעבינדן צו זיי, אז ער קען זיך נישט ארויסזען פון איר פאר קיין געלט אין די וועלט, ביז ווען ער וועט אנערקענען אז ער איז פשוט א נוגע בדבר, אז ער פאפט זיך.

די נאטורליכער שטער איז דא סיי ביי פשוט'ע אידן און אויך ביי תלמידי חכמים. אויך א איד וועלכער איז א יודע ספר ווערט צומאל געשלאגן מיט נגיעות. צו באפעסטיגן זיין נגיעה וועט ער ברענגען ראיות פון די תוה"ק אויף זיין זייט, אן וואס ער זאל מרגיש זיין דעם אמת, אז ער איז פארזינקען אין זיינע נגיעות, אז ער זעט מער נישט דעם אמת.

די עצה דערצו איז, זיך צו נעמען א מורה-דרך וואס איז נישט אזוי פארבלענדעט ווי אים מיט נגיעות און זיך דורכרעדן מיט יענעם אין די ענינים וואס איז נוגע פאר זיין עבודת השם. עס מוז נישט זיין א רב, עס קען אמאל זיין א חבר, אבער עס מוז זיין איינער וואס איז נישט משוחד אין די זאך ווי אים אליין.

צו דער קעלעמער מגיד ז"ע איז אמאל געקומען צוגיין א איד און זיך אויסגעשמועסט מיט אים אז ער פארשטייט נישט וויאזוי קען מען האבן טענות אויף א איד אין יענע וועלט, און דער איד האט געגעבן צו פארשטיין זיין טענה.

"דער ספר ראשית חכמה מיט די שרעקעדיגע עונשים ליגט אין די ספרים-שאנק. דאגעגן, וואס זעט מען אין די גאס? אין די גאס זעט מען די געשמאקע עולם הזה. ווען עס וואלט געווען פארקערט. מען וואלט געזען די גיהנם אין גאס און די עולם הזה וואלט געלעגן באהאלטן אין ספרים שאפע, וואלט מען די בילד געזען אנדערש".

לכאורה האט דער איד געהאט א שטארקע טענה!

דער קעלעמער מגיד האט אבער נישט געהאלטן אזוי. ער האט אים צוריקגעפרעגט: וואס טראכט איר וואלט געווען אויב מען וואלט נישט געוואוסט איבער וואס עס פאסירט מיט א מענטש, וואס גייט געשען מיט אים אויף די וועלט נאך ווען ער שטארבט, אז זיין קערפער ווערט א שטיק ערד און אז עס איז שולט אויף אים רימה ותולעה.

"דאן וואלסטו געזאגט אז אויב דו וואלטסט געוואוסט וואס עס גייט זיין מיט דיר נאך דיין טויט וואלטסטו תשובה געטון, אבער אז דו ווייסט נישט האסטו נישט וויאזוי צו וויסן".

און יעצט אז מיר ווייסן יא, האבן מיר א טענה אז מיר וואלטן געדארפט וויסן מער!

דער געדאנק דערונטער פון דעם ענטפער איז, אז עס ארבעט נישט אזוי, אז ווען מען וואלט געוואוסט וואס עס גייט זיין מיטן מענטש וואלט מען זיך פארבעסערט, ווייל אויך ווען א מענטש ווייסט וואס עס גייט פאָר מיט אים, ווערט ער נישט בעסער, ווייל דער מענטש ווערט פארבלענדעט אין זיין אייגענע נגיעות.

נאר אז מען ווייסט אז מען ליידט פון א נטייה צו ווערן פארבלענדעט און אז מען לעבט אין שקר, אז מען נארט זיך, הייבט מען אן צו זוכן דעם אמת און מען פארבעסערט זיך די מעשים, אז נישט האט מען א פנים ווי בלק וואס האט געזוכט אלע סארט אויסריידן, נאר נישט דעם אמת, און ער איז צו גארנישט אנגעקומען.

זאל הקב"ה געבן אז מיר זאלן קענען לעבן מיט דעם אמת און מיט א קלארקייט, אז ווען עס קומט אונטער א געשעעניש זאלן מיר זען אין איר דעם אמת און נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך די נארישקייטן וואס עס ליגט אין איר.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## די טעקסי האלט נישט ביים קוואטן

עס איז שוין געווען איינס אזייגער ביינאכט ווען איך בין ארויס פון די שפיטאל און זיך געגרייט אהיימצוגיין צו מיר אין שטוב.

עס איז א לענגערע צייט וואס מיין טאטע געפינט זיך אין שפיטאל. מיין טאטע איז ל"ע זייער קראנק. די קראנקייט פאדערט אז מען זאל אים באהאנדלען און רעדן מיט דאקטוירים און דאס שעפט זייער שטארק אויס די משפחה.

די ערשעפטקייט איז סיי פיזיש און סיי גייסטיש, און ווען איך בין ארויס פון שפיטאל און זיך אריינגעזעצט אין מיין קאר בין איך געווען אויסגעמוטשעט אבער מער ווי איך בין געווען ערשעפט פיזיש בין איך געווען צובראכן גייסטיש.

דער צוזען פאר מיינע אויגן ווי מיין שטארקער טאטע איז אזוי שוואך, אזוי קראנק, אז דער מענטש איז גארנישט, האט מיר מורא'דיג צונומען, איך האב ממש נישט געקענט קומען צו מיר.

אזוי פארנדיג, זע איך ווי עס שטייט אויפן גאס מיין נאנטער ידיד ר' אהרן.

ר' אהרן איז א נאנטער ידיד, מיר פארברענגען אסאך אינאיינעם ביי מורינו שליט"א און שעפן פון אים הויפענעס פון חיזוק.

"אפשר ווילסטו מיטפארן מיט מיר"? האב איך אים געפרעגט.

"יא". האט ער געזאגט און איז אריינגעקומען אין קאר.

איך האב אים מיטגעטיילט פון וואו איך קום, און זיך אנגערופן צו אים אז הלוואי וואלט איך יעצט געטראפן מורינו שליט"א און זיך געקענט מחזק זיין מיט אים.

עס איז שוין געווען איינס אזייגער ביינאכט, אזא זאך אז דער רב זאל מיר אקעגנקומען איז געווען כמעט אוממעגליך. איך האב ווייטער ממשיך געווען מיט מיין נסיעה ווען פלוצלונג שטעלט מיר מיין חבר אפ און הייסט מיר אפשטעלן די קאר.

"געב א קוק ווער עס גייט דא".

איך געב א קוק, און מורינו שליט"א גייט פאר מיר.

"אפשר ווילט איר פארן מיט מיר"? האב איך געפרעגט.

די ענטפער איז גלייך געווען אז יא, און אין די קאר האב איך אנגעהויבן מיטטיילן וואס עס גייט אריבער אויף מיר, און ווי דארשטיג איך בין נאך א שטיקל חיזוק און איבערגעזאגט אז איך האב ממש יעצט געזאגט פאר ר' אהרן, אז הלוואי זאל איך אייך טרעפן יעצט.

איבעריג צו זאגן אז מורינו שליט"א האט מיר זייער שטארק מחזק געווען און איך בין ארויס מחוזק פון די רייזע.

"יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס איך טרעף נישט קיין טעקסי". האט מורינו שליט"א אויסגעפירט, דערציילנדיג אז עס איז שוין א לענגערע צייט וואס ער זוכט א טעקסי אבער עס גייט אים נישט, ווען געווענליך וועט ער אייביג אויף דעם ארט טרעפן גרינגערהייט א טעקסי.

"איך האב נישט געוואוסט פארוואס עס איז אזוי, אבער יעצט ווייס איך שוין".

אינאיינעם האבן מיר געדאנקט השי"ת אויף די חסד אז ער האט צוגעפירט אז אין אזא שוואכע מינוט זאל איך זיך קענען דערהייבן, און אויסגעשטעלט בהשגחה פרטית אז איך זאל האבן פון וואו זיך צו שטארקן און מוטיגן אין אזא שווערע מינוט.

מיר האבן זיך געלערנט פון דעם אז הקב"ה איז מיט א איד אייביג, און ווען ער דארף חיזוק שיקט ער אים צו א מחזק פון הימל וואס זאל אים אויפהייבן און מחזק זיין אז ער זאל נישט ווערן געפאלן ביי זיך.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# חִנּוּךְ הַבָּנִים

**"מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב, וּמִסְפָּר אֶת רֹבַע יִשְׂרָאֵל"** כג, י

אין די ספרים הקדושים ווערט ערקלערט, אז די ברכה גייט ארויף אויף חינוך הבנים, צו באהעפטן און ציען ווייטער די דורות, דורכדעם וואס די קינדער וועלן ווייטערגיין אין די וועגן פון די עלטערן. און אזוי ערקלערט אויך דער מגלה עמוקות, אז די ווערטער "מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב", איז א המשך צו דאס וואס עס שטייט אינעם פריערדיגן פסוק (ט'): "כִּי מֵרֹאשׁ צֻרִים אֶרְאֶנּוּ, וּמִגְּבָעוֹת אֲשׁוּרֶנּוּ וְגוֹ'", וואס דאס גייט ארויף אויף די הייליגע אבות און די הייליגע אמהות און די פריערדיגע דורות – וואס דורכדעם וואס מען איז זיך מקשר מיט זיי איז מען זוכה צו גוטע און ערליכע קינדער, וועלכע גייען אין די וועגן פון די אבות און די אמהות, און דעריבער זאגט דער פסוק גלייך נאכדעם "מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב וְגוֹ'".

ווי טרעפליך איז דאס וואס עס שטייט אין ספר "מילי דאורייתא", לויט וואס עס שרייבן די מקובלים [חסד לאברהם (מעין ה' נהר י"ז), מגלה עמוקות (פרשת ויקרא, בלק, ואתחנן אופן ס"ו), און נאך], אז בלעם הרשע איז געווען א גלגול פון לבן הארמי. און ווען לבן האט נאכגעיאגט נאך יעקב טענה'נדיג צו אים (בראשית לא, כז): "לָמָּה נַחְבֵּאתָ לִבְרֹחַ וְגוֹ'", פארוואס ביסטו אנטלאפן באהאלטענערהייט. האט אים יעקב געענטפערט (שם לא): "כִּי יָרֵאתִי כִּי אָמַרְתִּי פֶּן תִּגְזֹל אֶת בְּנוֹתֶיךָ מֵעִמִּי", ווייל איך האב מורא געהאט, זאגנדיג, טאמער וועסטו צורויבן דיינע טעכטער פון מיר.

און לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס עס שטייט "מֵעִמִּי", פון מיר, וואס עס זעט אויס ווי איבעריג, וויבאלד עס וואלט געווען גענוג אויב עס וואלט געשטאנען "פֶּן תִּגְזֹל אֶת בְּנוֹתֶיךָ", טאמער וועסטו צורויבן דיינע טעכטער. אויך איז דער לשון "מֵעִמִּי" נישט אזוי פונקטליך, וויבאלד דער טייטש דערפון איז "פון מיט מיר", און עס וואלט מער פאסיג געווען אז עס זאל שטיין "מִמֶּנִּי", פון מיר.

נאר די ווארט "מֵעִמִּי" איז די ראשי תיבות פון "מִ'י מָ'נָה עֲ'פַר יַ'עֲקֹב", דערמיט וויל יעקב מרמז זיין צו לבן: דורכן צונעמען דיינע טעכטער ווילסטו אלעס אויסרייסן, חלילה, און צורויבן די ברכה פון "מֵעִמִּי", וואס דאס איז דער "מִ'י מָ'נָה עֲ'פַר יַ'עֲקֹב", וואס דו וועסט מיר אליין דארפן בענטשן, מיט די ברכה אז די קינדער זאלן גיין אין די וועגן פון די עלטערן.

• • •

איך האב געקענט אן אלטער איד אין ירושלים עיר הקודש, וועלכער איז ארויפגעקומען פון די לאנד מאראקא, און ער האט זוכה געווען אז אלע זיינע קינדער האבן פארנומען חשוב'ע פאסטנס אלס ראשי ישיבות און מרביצי תורה.

דאס איז געווען א גרויסער וואונדער, און מען האט געזען קלאר אז דאס איז זייער אנדערש ווי ביי גאר אסאך אנדערע אידישע קינדער וועלכע זענען ארויפגעקומען אהער פון מאראקא. ווי באוואוסט, אז ווען עס זענען ארויפגעקומען אסאך אידן פון מאראקא, האבן ליידער זייער אסאך ערליכע אידן פון דארט אינגאנצן פארלאזט דעם אידישן וועג, רחמנא ליצלן, ווערנדיג פארוואנדלט אויף פורקי עול, אונטער די השפעה פון די פארשאלטענע 'סוכנות' פון די רשעי הציונים שר"י, כידוע.

דאס קליין ביסל, וועלכע זענען געווען ממש א הייפעלע אידן, וואס האבן זיך מוסר נפש געווען און אנגעהאלטן אין אידישקייט מיטן גאנצן כח, זענען נישט געווען קיין גרויסע תלמידי חכמים, זייענדיג פון די גאר פשוט'ע אידן.

אין איין געלעגנהייט, ווען איך האב גערעדט מיט דעם עלטערן איד וועגן עפעס א געוויסן ענין, האב איך אים געבעטן, אז ער זאל מיר ביטע מיטטיילן מיט זיין גרויסן סוד, און מיר אנטפלעקן וויאזוי ער האט זוכה געווען אז זיינע קינדער זענען געווארן אזעלכע גדולי תורה, וועלכע זיצן אלע אין די ערשטע שורה פונעם ממלכת התורה.

אין אנהייב האט זיך דער איד פראבירט ארויסדרייען מיט פארשידענע תירוצים, זאגנדיג אז עס איז דאך נישט באמת קיין חילוק וויאזוי דאס איז אזוי געווארן, דער עיקר איז אז ברוך השם זיי לערנען פלייסיג די הייליגע תורה, און אזוי זאל דער אויבערשטער העלפן. אבער נאכדעם וואס איך האב אים זייער שטארק געבעטן, וויבאלד "תּוֹרָה הִיא וְלִלְמֹד אֲנִי צָרִיךְ", און פון דעם אליין וועט מען קענען האבן גרויס תועלת, האט דער עלטערער איד צוגעשטימט צו דערציילן זיין דערציילונג.

און אזוי האט דער איד דערציילט:

אין מיין יוגנט, אין מאראקא, האב איך געלערנט בחברותא, מיט א חשוב'ער תלמיד חכם א ירא ושלם, זייענדיג אויך שכנים וואוינענדיג אינעם זעלבן הויף. – אזוי האבן מיר געלעבט אין מאראקא, די משפחות זענען געווען זייער נאנט איינעם מיטן אנדערן, און אונזער הויף איז געווען אזוי ווי איין גרויסע משפחה... אבער ספעציעל האב איך זיך דערנענטערט צו מיין חברותא, פילנדיג זיך זייער נאנט איינער מיטן אנדערן, און צוזאמען האבן מיר עוסק געווען אין די הייליגע תורה מיט אמת'ע אהבת חברים.

איין טאג האט מען געהערט א פרייליכע בשורה, אז עס איז געבוירן געווארן א אינגל ביי מיין טייערער חבר, א בכור. ווי פארשטענדליך, האבן מיר זיך זייער געפריידט מיט זייער שמחה. מיין ווייב האט אנגעגרייט ספעציעלע געשמאקע עסן לכבוד די שמחה, און מיטן שיינעם טאץ וואס מיין ווייב האט צוגעגרייט, בין איך ארויפגעגאנגען צו מיין חבר'ס הויז, כדי אים צו אנווינטשן און זיך מיטפרייען מיט זיין שמחה, און וויבאלד מיר זענען געווען א נאנטע חברותא איז די שמחה אויך ביי אונז געווען זייער גרויס.

ווען איך האב געקלאפט אויפן טיר פון זיין הויז, האט מען מיר נישט געעפנט די טיר. אזוי האב איך געקלאפט עטליכע מאל און געווארט א לאנגע צייט, אבער קיינער האט נישט געעפנט. דאס האט מיר אויסגעזען זייער מאדנע, נאכדערצו אז בשעת איך האב דארט געווארט ביים טיר, האב איך געהערט א קול פון א ביטערע געוויין וואס קומט ארויס פונעם הויז. אין אנהייב האב איך געמיינט אז דאס איז די קימפעטארן וואס וויינט אזוי צוליב אירע יסורים און זי איז נאכנישט צו זיך געקומען (בכורות ו:).

אבער ווען איך האב בעסער צוגעלייגט מיין אויער, האב איך געזען אז דאס איז געווען דער קול פון מיין טייערער חברותא, דער נייער טאטע, און נישט די יולדת, און מען האט קלאר געהערט אז ער וויינט אן אויפהער. – זיין געוויין דווקא אינדערצייט פונעם גרויסן שמחה, איז געווען זייער פרעמד אין מיינע אויגן. איך האב געוואוסט אז מיין חבר און זיין ווייב זענען זייער א געלונגענער פאר־פאלק און שטענדיג איז דא צווישן זיי שלום און ליבשאפט, און איך האב נישט געקענט פארשטיין פארוואס מיין חבר וויינט אזוי לאנג, דווקא אינדערצייט פון א שמחה.

ווען עס איז אריבערגעגאנגען א לענגערע צייט און די טיר האט זיך נאך אלץ נישט געעפנט, און דאס געוויין איז נאר געווארן שטארקער, האב איך אנגעהויבן צו ווערן באזארגט פארן וואוילזיין פון מיין גוטער חבר, און איך האב באשלאסן אז עס איז נישטא קיין אנדערע ברירה. מען מוז גיין זען וואס עס טוט זיך דארט, אפשר דארפן זיי וויכטיג הילף, מעגליך איז עפעס געשען, ווער ווייסט?

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, האב איך אליין געעפנט די טיר, און ווי פארוואונדערט בין איך געווארן צו זען מיין טייערער חבר, דער אבי הבן און בעל שמחה, זיצט ביים טיש מיט אן אפענעם תהלים און וויינט אן אויפהער. ער האט בכלל נישט באמערקט ווי איך בין אריינגעקומען, און דעריבער האב איך פארשטאנען אז ער האט אויך נישט געהערט ווי איך קלאפ אויפן טיר די גאנצע צייט. איך בין צוגעגאנגען צו אים און אים איידל אויפגעוועקט פון זיין שטורעמישן געוויין.

ווען מיין חבר האט מיר באמערקט, האט ער זיך זייער שטארק געפריידט צו מיר. ער האט פארמאכט דעם תהלים און עס ליבליך געקושט און עס צוריקגעלייגט אויפן ארט. ער האט אויסגעזען זייער רואיג, און מען האט נישט געקענט זען קיין שום טרויער אדער ווייטאג אויף זיין געזיכט. פונקט פארקערט, ער האט מיר אויפגענומען מיט גרויס פרייד, ווי גלייך ער האט בכלל נישט געוויינט פריער.

איך בין געבליבן אינגאנצן צוטומלט פון אלעס וואס איך האב יעצט אליין געזען מיט די אויגן. נאר ממש פריער האט דער זעלבער מענטש אזוי געוויינט פאר אזא לאנגע צייט, און דא, פלוצלונג, נעמט ער מיר אויף מיט אזא געוואלדיגע שמחה. איך האב קלאר געפילט אז עפעס א גרויסער זאך באהאלט זיך דא, און וויבאלד איך בין געווען אזא נאנטער חבר מיט אים, האב איך זיך נישט געקענט פארהוילן דערפון, דעריבער האב איך אים שטארק געפאדערט אז ער זאל גארנישט באהאלטן פון מיר, נאר ער זאל מיר ערקלערן די סיבה פארוואס ער האט אזוי שטארק געוויינט, ווייל עס שטייט דאך "דְּאָגָה בְלֶב אִישׁ יַשְׁחֶנָּה".

ווען מיין חבר האט געזען אז ער וועט זיך נישט קענען ארויסדרייען פון מיר, וויבאלד איך האב אים דערציילט אז איך האב געווארט א לאנגע צייט אינדרויסן פון זיין טיר, און איך האב געהערט זיין געוויין דורכאויס די גאנצע צייט. האט ער מיר געזאגט: גוט, וועל איך דיר דערציילן דער טעם פארוואס איך האב אזוי געוויינט:

מיין קליין קינד וואס איז יעצט געבוירן געווארן, האט אונז געברענגט א געוואלדיגע שמחה, ווייל מיר האבן דאך אזוי שטארק געהאפט און געבעטן דערפאר, און יעצט וואס עס איז אונז געבוירן געווארן אונזער קליינער אינגל, א קליינער בלום, און ער הייבט יעצט אן זיין וועג אויף דער וועלט, האב איך געבעטן דעם אויבערשטן מיט הייסע טרערן, אז דער אינגל זאל זייער שטייגן אין די הייליגע תורה, און ער זאל אויסוואקסן א גדול בתורה.

המשך אין עמוד ד' >

דאס געוויין איז פשוט געווען א געוויין פון תפילה, תְּפִלָּה מִתּוֹךְ שִׂמְחָה!

און אזוי פלעגט ער יעדן טאג דאוונען צום אויבערשטן מיט אסאך תפילות, תחינות און בקשות, אז זיין זון זאל געראטעוועט ווערן פון אלע שווערע נסיונות פון אונזער דור, און ער זאל ביישטיין אלע רייצונגען פונעם יצר הרע, און ער זאל אויסשטייגן און מצליח זיין אין תורה און אין יראת שמים!

עס איז טאקע נישט דורכגעגאנגען א לאנגע צייט, און דער קליינער אינגל איז געווארן זייער גרויס, ביז ער איז געווארן איינער פון די גדולי הדור אין מאראקא, און האט מרביץ תורה געווען פאר טויזנטער תלמידים, און זיינע חידושי תורה איז ארויסגעגאנגען פון איין עק צום אנדערן עק.

ווען איך האב דאס געזען – האט דער עלטערער איד ווייטער דערציילט – האב איך געטראכט צו מיר, אויב דער כח פון תפילה איז אזוי גרויס, פארוואס זאל איך נישט טון אזוי ווי ער... און טאקע, פון דעמאלטס, יעדן מאל עס איז מיר געבוירן געווארן א קינד, האב איך געלאזט טרערן אזוי ווי וואסער, און איך בין מתפלל די גאנצע צייט מיט תחינות און בקשות, אז מיינע קינדער זאלן אויסוואקסן גדולי תורה.

און אפילו נאך יעצט, וואס מיינע אלע קינדער מאכן שוין אליין חתונה זייערע קינדער... בין איך ווייטער מתפלל די גאנצע צייט, און איך גיס אויס מיין הארץ פארן אויבערשטן אז זיי זאלן מצליח זיין, און דער עיקר אז זיי זאלן האבן הצלחה אין די תורה הקדושה און זיי זאלן שטייגן אין די תורה.

- דאס איז דער גאנצער סוד פון די הצלחה פון מיינע קינדער! האט דער וואונדערליכער זקן געענדיגט זיין דערציילונג.

א לאנגע צייט שפעטער, האב איך געטראפן אז עס ווערט געברענגט אין ספר חסידים: עס איז געווען א מעשה מיט א חסיד, וועלכער האט א גאנצן טאג געדאוונט און געבעטן דעם אויבערשטער אז זיינע קינדער זאלן זיין גוטע און צדיקים, און עס זענען אים געבוירן געווארן קינדער וואס זענען געווארן די גדולי הדור.

ענדליך צו דעם ווערט געברענגט אין תנא דבי אליהו (רבה פרק יח): עס איז געווען א מעשה מיט א כהן וועלכער איז געווען א ירא שמים בסתר, און אלע זיינע גוטע מעשים וואס ער האט געטון, האט ער געטון באהאלטענערהייט. דער כהן האט געהאט צען קינדער פון איין ווייב, זעקס זין און פיר טעכטער. און יעדן טאג האט ער מתפלל געווען און האט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, און געבעטן רחמים, און ער האט געלעקט די ערד מיט זיין צונג, און אזוי האט ער זיך ממש געבעטן, אז קיינער פון זיי זאל נישט צוקומען צו קיין עבירה און צו קיין שמוציגע זאך.

האט מען דערציילט: עס איז נישט דורכגעגאנגען יענעם יאר, און נישט קיין צווייטע און נישט קיין דריטע יאר, ביז עזרא איז געקומען און דורך אים האט דער אויבערשטער ארויפגעברענגט די אידן פון בבל, און דער כהן איז געקומען צוזאמען מיט זיי. און דער כהן איז נישט נפטר געווארן, ביז ער האט געזען כהנים גדולים און יונגע כהנים פון זיינע קינדער און פון זיינע קינדס־קינדער, ביז פופציג יאר. און דערנאך איז דער כהן נפטר געווארן, און אויף אים זאגט דער פסוק (תהלים לז, ג): בְּטַח בַּה' וַעֲשֵׂה טוֹב וְגוֹ'.

• • •

עס איז געקומען צו מיר איינער, וואס זיין טאטע איז געווען איינער פון די גדולי הדור, און אויך דער זון גייט אין זיינע וועגן און ער איז א גדול בתורה. דער זון לערנט בחברותא מיט איינער פון די גדולים פון אונזער פאלק, און ער לערנט יעדן טאג בערך אכצן שעה אינעם מעת־לעת, און איז באוואוסט אלס אן אדם גדול.

– האט אבער ליידער פאסירט, אז איינער פון זיינע קינדער, איז אוועקגעגאנגען פונעם דרך התורה, רחמנא ליצלן, און אזוי האט ער געגליטשט מער און מער, צום גרויס ווייטאג פון די גאנצע משפחה און פון גאנץ כלל ישראל, ביז עס האט שוין געהאלטן ביי דעם, אז ער האט געוואלט חתונה האבן מיט א נישט־אידישע מיידל, השם ישמרנו.

דער טאטע איז געווען אינגאנצן צוטרייסלט דערפון, און ער האט נישט געקענט פארשטיין, וויאזוי עס קען זיין אז א קינד פון אזא חשוב'ע משפחה, וואס דער זיידע איז איינער פון די גרעסטע גדולים פונעם דור, זאל אזוי שטארק פאלן, ביז צום נידעריגסטן שטאפל, און וועלן חתונה האבן מיט איינע וואס איז נישט פון אונזער פאלק?

איך בין זייער באנומען געווארן פון דער געשעעניש, זעענדיג דעם געוואלדיגן צער און בזיון פון די משפחה. בעיקר האט מיר געשטערט דעם געוואלדיגן וואונדער, וויאזוי האט געקענט פאסירן אזא זאך, אז א קינד פון אזא חשוב'ע משפחה וואס שטייען אינעם שפיץ פון די גדולי התורה, זאל ארויסגיין לתרבות רעה רח"ל, און אנקומען צו אזא נידעריגן שטאפל.

ווען איך האב זיך אריינגעלייגט אין דער זאך, און געהאלפן דעם זון מיטן אויבערשטנ'ס הילף, האב איך אויך נאכגעפארשט דער זאך, וויאזוי עס האט געקענט פאסירן ביי אזא חשוב'ע משפחה. נאכן גרונטליך נאכקוקן, בין איך געוואויר געווארן פונעם זון אליין, אז ביי זייער הויז פלעגט מען אלעמאל שפעטן און ליצנות מאכן פון גדולי ישראל, און זיין טאטע פלעגט אוועקמאכן אסאך רבנים אין כלל ישראל, און ליצנות מאכן פון זיי.

פון דעם איז אריינגעקומען א געפערליכע קאלטקייט אינעם אידעלן הארץ פונעם זון, ביז עס איז פארלוירן געווארן פון אים דעם גאנצן שעצונג צו די הייליגע תורה און צו די הייליגע חכמי התורה, וויבאלד מען האט אלעמאל ליצנות געמאכט פון זיי. אוי, ווי שרעקליך!!!

• • •

אבער פון די אנדערע זייט, האט מיר דערציילט מוהר"ר אליעזר טורק שליט"א, פון ירושלים עיר הקודש, וואס זיין טאטע, זייער א חשוב'ער איד אין די שטאט בני ברק, און האט זוכה געווען צו קינדער וואס זענען זייער חשוב'ע תלמידי חכמים, און זענען אלע גרויס אין תורה און אין יראת שמים.

אין איין געלעגנהייט האט אים זיין טאטע דערציילט, וויאזוי ער האט זוכה געווען אז אלע זיינע קינדער זענען גדולי תורה. – דאס איז וויבאלד זיין טאטע האט אים געהייסן איידער ער איז אוועקגעגאנגען פון דער וועלט, אז ער זאל שטענדיג זיין דבוק אין די צדיקי הדור. און ער האט טאקע אלעמאל אויסגעפאלגט זיין טאטנ'ס צוואה, און איז אלעמאל געווען דבוק אין די צדיקי הדור, און זיך אנגעשטויבט אין די שטויב פון זייערע פיס.

- דערפאר האט ער זוכה געווען צו קינדער וואס זענען גדולי תורה, וויבאלד זיינע קינדער האבן אלעמאל געזען זיין גרויסן ליבשאפט און שעצונג צו די תורה.

און דאס איז דאך באוואוסט, אז מיט זייערע אידעלע חושים, שפירן די קינדער וועמען מען איז מער מכבד, צי די עשירים וואס האבן אסאך געלט, אדער די בעלי התורה, און פון דעם פארשטייען זיי וואס איז וויכטיגער...

(ספר טיב המעשיות ח"ה דף לו-מ)




על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלב"ע י"ג אלול תשפ"ג תנצב"ה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173